**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט גוי סעמי (GO SEMI): די גאווערנער'ס אפיס פון סעמיקאנדוקטאר אויסברייטונג, פירערשאפט, און אינטעגראציע**

***אפיס צו פירן און צענטראליזירן באמיאונגען איינצושטעלן מייקראנ'ס 100$ ביליאן אינוועסטירונג אין סענטראל ניו יארק***

***אנטוויקלט און טוט פאראויסשטופן פאליסיס צוצוציען סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע, געצייג קייט, און פעיאיגע ארבעטער צו ניו יארק***

***ברענגט צוזאם ארבעטער אנטוויקלונג און קאמיוניטי אינוועסטירונגען צו שטיצן לאקאלע געמיינדע***

גאווערנער קאטי האקול האט היינט געמאלדן GO SEMI: די גאווערנער'ס אפיס פון סעמיקאנדוקטאר אויסברייטונג, פירערשאפט, און אינטעגראציע צו אויפפאסן מייקראנ'ס היסטארישע 100$ ביליאן אינוועסטירונג פאר א נייע מעגאפעב אין צענטראל ניו יארק, און צו אנפירן א ברייטערע באמיאונג צו אנטוויקלען ניו יארק'ס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע אלץ טייל פון די 2023 סטעיט און די סטעיט. GO SEMI, אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, וועט ווערן געשטיצט דורך עקספערטן פון צענדליגע סטעיט אגענטורן און וועט ארבעטן אין צוזאמענהענג מיט אונזער פעדעראלע און לאקאלע שותפים און איבערקוקן אינוועסטירונגען אין די סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע, און וועט פארעמען און שאפן א ברייטערע, נאציאנאלע ביישפיל צו פארגרעסערן אינדוסטריע און געמיינדע צורוקקער פון אזעלכע פובליק/פריוואטע שותפות.

"מייקראנ'ס היסטארישע אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט וועט שאפן טויזנטער ארבעט געלעגנהייטן, פארשטערקערן אונזער פראדוקציע פירערשאפט, און איז א באווייז פאר ביזנעסער וואס זעהן געלעגנהייטן זיך אריבערצוציען, וואקסן און בליען אין אונזער סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער פאראויס-טראכטנדע נייע GO SEMI אפיס וועט בויען אויף די גרונטשטעלנדע פארשריט, און ברענגען פובליק און פריוואטע סעקטאר שותפים צוזאמען צו ציען נאכמער אינוועסטירונג, ארבעט געלעגנהייטן און ביזנעסער צו ניו יארק סטעיט."

די שאפונג פון GO SEMI קומט אין רעזולטאט פון מייקראנ'ס אומשאצבארע 100$ ביליאן [אינוועסטירונג](#) אין צענטראלע ניו יארק צו בויען די גרעסטע מעמארי טשיפ פעב אין די וועלט, און די אומשאצבארע געלעגנהייט פאר וואוקס וואס איז אין רעזולטאט פון ניו יארק'ס גרין CHIPS פראגראם אין די פעדעראלע CHIPS און סייענס אקט. די מייקראן פראיעקט איז געווען א רעזולטאט פון א היסטארישע פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע [שותפות](#) אנגעפירט דורך גאווערנער האקול, U.S. סענאט מאריטעט פירער טשארלס שומער און אנאנדאגא קאונטי הויפט רייען מקמאהאון.

מייקראן וועט שאפן כמעט 50,000 ארבעט געלעגנהייטן סטעיטוויד - 9,000 נייע הויך-באצאלטע מייקראן ארבעט געלעגנהייטן מיט א געשאצטע יערליכע באצאלט פון איבער 100,000$ און העכער

40,000 קאמיוניטי ארבעט - און שאפן טויזנטער פון העכסטע-באצאלטע קאנסטרוקציע ארבעט. נאכ'ן פארטיגן, וועט דער קאמפלעקס ענהאלטן דעם לאנד׳ס גרעסטן ריינע צומער פלאץ אויף אומגעפער 2.4 מיליאן סק. פיס, די גרויס פון באלד 40 פוטבאָל פעלדער.

איינשטימיג מיט ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזנדע גרין CHIPS אקט, וועט מייקראן ציען איר עלעקטרישע קראפט פון 100 פראצענט באנייבארע ענערגיע קוועלער און מאכן ווייט-גרייכנדע שטאנדהאפטיגקייט פארשפרעכונגען. מייקראן וועט אויך איינפירן א האלב-ביליאן-דאלערדיגע קאמיוניטי אינוועסטירונג ראם צו פארזיכערן אז דער פראיעקט בענעפירט די מענטשן און געמיינדעס פון צענטראל ניו יארק.

GO SEMI וועט אנפירן און צענטראליזירן באמיאונגען צו איינגלידן די מייקראן פראיעקט, אנטוויקלען און פאראויסשטופן פאליסיס צו ציען די סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע און איר געצייג קייט, צוזאמברענגען ארבעטער אנטוויקלונג און קאמיוניטי אינוועסטירונגען צווישן לאקאלע, סטעיט, פעדעראלע, און פריוואטע שותפים, אנפירן באמיאונגען צו שאפן, ציען און אנהאלטן די פעיאיגע ארבעטער נויטיג, און שטיצן צוזאמארבעט אנטוויקלונג קאנצענטרירט אויף קלוגע וואוקס פרינציפאלן.

מייקראנ'ס היסטארישע אינוועסטירונג געבט צו צו ניו יארק׳ס שוין פון פריער באפעסטיגטע סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע, מיט וועלכע GO SEMI וועט נאנט ארבעטן. ניו יארק איז יעצט דער היים פאר 76 סעמיקאנדוקטאר פירמעס וועלכע באשעפטיגן איבער 34,000 ניו יארקער, אריינגערעכנט אלוועלטליכע אינדוסטריע פירער ווי גלאבאל פאונדריס, וואלפספיד, אנסעמי, און IBM. ניו יארק איז אויך דער היים ארט פון דעם וועלט-בארימטן אלבאני נענאָטעק קאמפלעקס, וועלכע איז א מולטי-ביליאן-דאלערדיגע פובליק-פריוואטע שותפות, פון וואס עס באשטייט די מערסט טעכנאלאגיש פארגעשריטענע, פובליק באזיצטע, 300-מילימעטער סעמיקאנדוקטאר פארשונג און אנטוויקלונג איינריכטונג און ברענגט צוזאם פרעמיערע אוניווערסיטעטן און פירנדע אינדוסטריע שפילער צו טרייבן טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע ׳קאטינג-עדזש׳ אנטוויקלונג.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיציאנער האופ נייט האט געזאגט,"** דער היסטארישע און טוישנדע מייקראן צושטימונג טוט אנדייטן די קראפט פון פובליק-פריוואטע שותפות ביי יעדע שטאפל צו ברענגען קלארע בענעפיטן צו די מענטשהייט פון ניו יארק סטעיט. GO SEMI וועט ערלויבן עקספערטן פון איבער סטעיט אגענטורן צו ארבעטן צוזאמען איינצופירן פלענער און פאליסיס וואס וועלן זיין זייער וויכטיג צו ניו יארק סטעיט'ס ערפאלג אין הויפט ערטער, אזוי ווי ארבעטער אנטוויקלונג, קלוגע וואוקס, קאמיוניטי אינוועסטירונג, שטאנדהאפטיגקייט און אנדערע וויכטיגע עלעמענטן ווי אויך שטעלן א ביישפיל פאר גלייכע און אנהאלטנדע וואוקס אין די סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע פאר די גאנצע לאנד נאכצוגיין."

אין צוגאב צו עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, וועלן מיטארבעטנדע אגענטורן און אויטאריטעטן אריינרעכענען די דעפארטמענט אוו לעיבאר, ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטווילונג אויטאריטעט, ניו יארק ענערגיע אויטאריטעט, אפטיילונג פון טראנספארטאציע, דעפארטמענט אוו סטעיט, דעפארטמענט פון ענווייערנמענטאלע קאנסערוואציע, היימען און קאמיוניטי באנייאונג, דעפארטמענט פון פובליק סערוויס און סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק און NY CREATES.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418